# פרשת בשלח ט' – ט"ו שבט תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת בשלח***

בשעות הצהרים הגיע **הרה"ג רבי ישעי' קאהן שליט"א** רב דבית המדרש תולדות אהרן ב"פ להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בתו בשעטומ"צ.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"ד סעיף ב') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה שטייט, ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו, ווען יודען וועלן ארויסגיין פון מצרים, וועלן די הונט נישט בילן אויף יודען, למען תדעון אשר יפלה ה' בין מצרים ובין ישראל (יא-ד), כדי דו זאלסט וויסען, אז דער אייבערשטער מאכט א חילוק צווישן די מצריים און יודען. דער פסוק דארף האבן א ביאור, ווייל דאס אז דער אייבערשטער איז מפלה צווישן די מצריים און יודען האט מען געזען ביי אלע מכות. די מצריים האבן יא געהאט די מכות, און די יודען נישט. און דא שטייט אין פסוק, אז מיט דעם וואס לא יחרץ כלב לשונו, וועט מען זעהן אז דער אייבערשטער איז מפלה צווישן די מצריים און יודען.

**די** וואך אין די פרשה, האבען יודען געזאגט ביי די שירה, אשירה לה', לאמיר זינגען פארן אייבערשטען, כי גאה גאה, ווייל דער אייבערשטער איז העכער פון די הויכע. דער תרגום זאגט, אתגאי על גותניא, די מצריים האבן זיך געהאלטן גאים, און דער אייבערשטער איז העכער פון זיי. סוס ורוכבו רמה בים, דער אייבערשטער האט גענומען דעם סוס מיטן רוכב, און ער האט זיי אריינגעווארפן אינעם ים, זה א-לי ואנוהו אלקי אבי וארוממנהו. רש"י שטעלט זיך, פארוואס שטייט סוס ורוכבו 'רמה' בים? 'רמה' איז טייטש אויפגעהויבען, און 'ירה' איז טייטש אריינגעשטופט. דער אייבערשטער האט זיי נישט אויפגעהויבען, דער אייבערשטער האט זיי דאך אריינגעשטופט אינעם וואסער. זאגט רש"י, אז עס איז געווען ביידע, זיי זענען געגאנגען ארויף און אראפ. עס איז געווען רמה בים, ווען זיי זענען אריין אין וואסער, זענען זיי קודם ארויפגעגאנגען, און נאכדעם זענען זיי אראפ געגאנגען, כדי זיי זאלן זיך מצער זיין אינעם וואסער.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז. די גמרא (חולין ז:) זאגט, אז עס שטייט אין פסוק (דברים ד-לה), אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו, אויסער דער רבונו של עולם איז נישט דא קיין שום כח אויף די וועלט. זאגט די גמרא, אמר רבי חנינא, ואפילו כשפים, אפילו כישוף, וואס מען קען טון דערמיט וואונדערליכע זאכן, אבער עס קען נישט טון א זאך וואס איז נישט נגזר געווארן אויבן אין הימל. אז מען האט גוזר געווען אויף איינעם גוטס, קען נישט כישוף מבטל זיין דאס גוטס וואס מען האט אויף אים גוזר געווען.

**זאגט** די גמרא, אז רבי חנינא האט אמאל געזען, ווי א מכשפה זוכט צו נעמען ערד פון וואו ער איז געשטאנען, ווייל זי וויל מאכן עפעס א כישוף פאר רבי חנינא. האט רבי חנינא איר געזאגט, דו קענסט נעמען וויפיל דו ווילסט, ווייל עס וועט דיר ממילא גארנישט העלפן. אין עוד מלבדו כתיב, אויב עס איז נישט באשערט פון אויבן, וועסטו מיר גארנישט קענען טון. פרעגט די גמרא, מיט כישוף קען מען נישט טון א זאך וואס איז נישט באשערט פון אויבן? רבי יוחנן האט דאך געזאגט, אז וועגן דעם הייסט עס 'כשפים', שמכחישין פמליא של מעלה. זיי האבן א כח מכחיש צו זיין, זיי טוען אפלייקענען, די פמליא של מעלה. די פמליא של מעלה זאגט אזוי, און כישוף קען טון פאר א מענטש פארקערט. זעהט מען דאך אז כישוף האט יא א כח, פארוואס האט רבי חנינא נישט מורא געהאט, אז זי וועט קענען טון מיט כישוף אפילו א זאך וואס איז נישט אנגעשריבן אויף אים. זאגט די גמרא, שאני רבי חנינא דנפישא זכותיה, רבי חנינא האט געהאט גרויסע זכותים, אים האט מען געהיטן אויבן אין הימל, אז פאר אים וועט עס נישט פאסירן.

**עס** דארף אבער נאך אלץ א ביאור. ווייל די גמרא ברענגט דאך א פסוק, אין עוד מלבדו, אז אויסער

דעם אייבערשטען איז נישט דא גארנישט אפילו כשפים, און נאכדעם זאגט די גמרא, אז כישוף איז יא העכער פונעם פמליא של מעלה, אויסער רבי חנינא וואס איז געווען א גרויסער צדיק אז פאר אים וועט עס נישט שאדען. דער פסוק זאגט דאך אבער, אין עוד מלבדו, פאר יעדן איינעם, און דא זאגט מען, אז כישוף קען יא מכחיש זיין די פמליא של מעלה.

**דער** ביאור דערפון איז, אז עס איז ביידע אמת. עס איז דא זאכן אין הימל וואס עס קומט נישט ארויס פונעם אייבערשטען אליין, דער אייבערשטער גיט עס איבער פאר די מזלות אויבן אין הימל, אדער פאר די מלאכי מעלה, פאר זיינע משרתים, און זיי טוען אויספירן דעם רצון ה'. אויבן אין הימל איז דא א בית דין של מעלה, און נישט יעדע משפט קומט פארן אייבערשטען אליין, אז ער זאל דאס דן זיין, אל תבא במשפט עמנו כי לא יצדק לפניך כל חי (תהלים קמג-ב). אמאל איז דא וואס מען בעהט אז עס זאל יא קומען פונעם אייבערשטען, מלפניך משפטינו יצא (שם יז-ב). - א זאך וואס קומט פונעם פמליא של מעלה, דער אייבערשטער האט עס איבערגעגעבן אז דער בית דין של מעלה זאל פסקנ'ן אויף דעם מענטש אזוי צו אזוי, אז עס קומט פונעם בית דין של מעלה האט כישוף א כח, אז כישוף קען עס מבטל זיין. זיי זענען מכחישין 'פמליא' של מעלה, די פמליא פון אויבן קענען זיי מכחיש זיין. אבער א זאך וואס קומט פונעם אייבערשטען אליין, אין עוד מלבדו, אפילו כשפים. א זאך וואס איז נגזר געווארן פונעם אייבערשטען, האט כישוף נישט קיין כח אז מען זאל קענען מבטל זיין די זאך.

**מצרים** איז געווען א לאנד פון כשפים, אזוי שטייט אין די גמרא (קידושין מט:), אז צען קבין כישוף איז אראפגעקומען אויף די וועלט, און תשעה נטלו מצרים. רש"י ברענגט (שמות יח-ט) אז א עבד האט נישט געקענט אנטלויפן פון מצרים. נישט ווייל עס איז געווען פארמויערט, מען האט געמאכט א וואנט אז מען זאל נישט קענען ארויסגיין, נאר עס שטייט אין **ילקוט ראובני** (פ' בשלח), אז זיי האבן געמאכט צוויי הונט אויסגעפארעמט פון גאלד, און מיט כישוף האבן זיי געמאכט, אז ווען איינער האט געוואלט ארויסגיין פונעם לאנד, האבן זיי אנגעהויבן אזוי צו שרייען, אז מען האט געקענט הערן זייער קול א מהלך פון פערציג טאג אוועק, און מען האט תיכף געוואוסט אז איינער איז דארט, און מען איז אים נאכגעגאנגען און געכאפט. קומט אויס, אז מיט כישוף האבן זיי אפגעשטעלט אז מען האט נישט געקענט ארויסגיין.

**ווי** אזוי זענען יודען ארויס פון מצרים? כשפים זענען דאך מכחישין פמליא של מעלה, זיי זענען שטערקער פון די פמליא של מעלה. איז די תשובה דערויף. אמת עס איז מכחישין 'פמליא' של מעלה, אבער ביי יציאת מצרים איז געווען ועברתי בארץ מצרים (שם יב-יב), אני ולא מלאך, אני ולא שרף, עס איז געווען פונעם אייבערשטען אליין. און אויפן אייבערשטען אליין, איז אין עוד מלבדו, אפילו כשפים.

**האט** משה רבינו זיי געזאגט, עטץ וועטס זעהן, אז ווען ששים רבוא יודען וועלן ארויסגיין פון מצרים, לא יחרץ כלב לשונו, וועלן די כלבים וואס עטץ האטס אראפגעשטעלט מיט כישוף, אז זיי זאלן שרייען ווען מען גייט ארויס, וועלן נישט זאגען א ווארט. פארוואס וועט דאס זיין? ווייל דא וועט נישט זיין די פמליא של מעלה, וואס כישוף האט א כח אקעגן זיי, נאר דא וועט אראפקומען דער אייבערשטער אליין, און ער וועט אונז ארויסנעמען פון מצרים. למען תדעון, וועט עטץ וויסען, אשר יפלה 'ה' בין מצרים ובין ישראל, אז דא איז דער אייבערשטער וואס ער איז מפלה צווישן ישראל און מצרים. און א זאך וואס קומט פונעם אייבערשטען, וועט כישוף אונטערגיין און עס וועט נישט העלפן.

**עס** שטייט אין מדרש (ילקוט בשלח רלה), אז ווען די מצריים זענען געווען ביים ים סוף, און זיי האבן געזען אז עס איז צרות, אז דער ים טוט זיי דערטרענקען, האבן זיי אנגעהויבן צו מאכן כישוף, אז זיי זאלן קענען ארויסגיין פונעם ים, און דער ים האט זיי אלע ארייגעשלעפט צוריק, אז זיי זאלן נישט קענען אנטלויפן. און דער ילקוט זאגט, אז עס זענען געווען צוויי מכשפים, פון די גרעסטע וואס זענען געווען אין מצרים, יוחני און ממרא האבן זיי געהייסען, און די צוויי האבן געקענט

מאכן מיט כישוף אז זיי זאלן פליען אזוי ווי א אדלער. און ווען זיי האבן געזען אז עס איז צרות אינעם ים, האבן זיי אנגעהויבן ארומצופליען. האט דער אייבערשטער געהייסען פאר מלאך גבריאל, גיי כאפ זיי אן ביי די האר פונעם קאפ, און שלעפ זיי צוריק אריין אינעם ים. עס האט נישט געהאלפן זייער כישוף, און זיי זענען אויך דערטראנקען געווארן אינעם ים. קומט אויס, אז כאטש כישוף האט א געוואלדיגען כח אקעגן די פמליא של מעלה, אבער אויב דער אייבערשטער אליין איז געווען דארט, און ער האט ארויסגענומען די יודען פון מצרים, איז די כישוף בטל געווארן.

**יודען** האבן געזאגט 'אשירה לה', לאמיר זינגען פארן אייבערשטען, 'כי גאה גאה', ווייל דער אייבערשטער איז העכער פון די הויכע, פון די וואס האבן זיך אויפגעהויבן פונעם וואסער מיט כישוף, און זיי האבן אנגעהויבן צו פליען אינדערהייך. דער אייבערשטער איז גאה פון דעם 'סוס ורוכבו רמה בים', פון יוחני און ממרא, וואס האבן זיך אויפגעהויבן פונעם וואסער. ווייל כישוף קען נאר מכחיש זיין פמליא של מעלה, אבער נישט דעם אייבערשטען אליין, און אז דא איז דער אייבערשטער געקומען העלפן, איז ער שטערקער געווען פון די כח פון כישוף. ווען יודען האבן דאס געזען, האבן זיי געזאגט 'זה א-לי ואנוהו', דאס קען נאר זיין, ווייל דער אייבערשטער אליין איז דא. האבן זיי געוויזען באצבע, זה א-לי ואנוהו. ווען דער אייבערשטער אליין זאל נישט זיין דא, נאר די שלוחים פונעם אייבערשטען וואלטן ארויסגענומען די יודען פון מצרים, וואלט די כישוף געווען שטערקער פון זיי, ווייל כשפים זענען מכחיש פמליא של מעלה. און אז מען זעהט אז די כישוף האט נישט געהאלפן, איז א סימן אז דאס איז געקומען פונעם אייבערשטען אליין.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת השבע ברכות בבית מחותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ר"י מונקאטש, שהתקיים באולם ליפשיץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***<u>יום שני פרשת בשלח</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **דוב קליין** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג אב"ד בראשוב שליט"א**, שהתקיים באולם כתר צבי, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** תורה הק' פארציילט די וואך, אז ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים (יג-יח). און רש"י טייטשט, אז יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים מזויינים, זיי זענען געווען באוואפענט מיט כלי זיין. בדרך כלל נוצט מען כלי זיין ווען מען וויל פירן א מלחמה, אבער מען זעהט נישט שפעטער אז יודען זאלן פירן עפעס א מלחמה מיט די מצרים. כי ה' נלחם להם במצרים (יד-כה), דער אייבערשטער האט געפירט די מלחמה. אויב עס איז נישט דא א חשבון אז מען זאל שפעטער פירן מיט זיי א מלחמה, וואס איז דער ענין אז יודען זענען געווען מזויינים ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים.

**און** הא גופא קשיא, דער אייבערשטער דארף מאכן אזעלכע נסים ווי קריעת ים סוף, אז דער ים זאל זיך שפאלטן, און יודען זאלן ניצל ווערן פון די מצרים? יודען זענען דאך געווען גיבורי כח, און עס איז געווען דארט ביים ים ששים רבוא יודען, א האלב מיליאן יודען, וואס זענען געווען העכער די צוואנציג, און זיי האבן געקענט פירן א מלחמה מיט די מצריים. - ווילאנג מען איז געווען אין מצרים האט מען נישט געפירט א מלחמה מיט די מצריים, ווייל עס איז געווען גזירת הגלות, מען האט געוואוסט אז דער אייבערשטער וויל אז אונז זאל מיר דארט זיין. אבער נאכדעם וואס מען איז ארויס פון מצרים, האט מען דאך געקענט פירן א מלחמה מיט די מצריים. יודען האבן דאך שפעטער געפירט א מלחמה מיט די שבעה עממים, האט

מען זיך געקענט א עצה געבן מיט די מצריים אויך. און מען זעהט אז עס איז נישט אזוי געווען, יודען זענען ארויסגעגאנגען מזויינים, אבער זיי האבן נישט מלחמה געהאלטן מיט די מצריים.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (**בתורת משה** פ' בשלח סב.), אז עס שטייט אין די תורה (דברים כג-ח) לא תתעב מצרי, מען טאר נישט מרחק זיין א מצרי, כי גר היית בארצו, ווייל דו ביסט געווען א גר ביי אים. בנים אשר יולדו להם דור שלישי, יבא להם בקהל ה'. די תורה האט געגעבן א לאו, אז מען זאל נישט מרחק זיין די מצריים. און רש"י זאגט, אף על פי שזרקו זכוריכם ליאור, כאטש זיי האבן אריינגעווארפען אונזערע קינדער אין טייך, פון דעסטוועגן דאך זאלסטו געדענקען, כי גר היית בארצו, אז דו האסט געהאט גוטע צייטן אויך מיט זיי. דו זאלסט געדענקען אז זיי זענען געווען פאר ענק א אכסניא בשעת הדחק, ווען עס איז געווען די שנות רעב, זענען יודען אראפגעקומען קיין מצרים, און מען האט זיי דארט מפרנס געווען, און דאס האט אנגעהאלטן אסאך יארן שפעטער. דער שיעבוד איז נישט געווען מער פון זעקס און אכציג יאר, פון ווען מרים איז געבוירן (פס"ר טו-יא). ווען יודען זענען אראפגעקומען קיין מצרים, האבן זיי אויסגעהאלטן דעם גאנצן כלל ישראל, אנכי אכלכל אתכם ואת טפכם (בראשית נ-כא), יודען האבן געהאט א גוטע צייט אין מצרים. און אויף דעם זאגט די תורה, הכרת הטוב, מען זאל שטענדיג געדענקן אז די מצרים האבן געגעבן גוטס אויך. און מען זאל נישט מרחק זיין א מצרי ווען ער וויל אריינקומען בקהל ה'.

**די** מוסר השכל דערפון איז איום ונורא, אז די תורה זאגט אז מען דארף מכיר טוב זיין פאר די מצריים. כאטש זיי האבן גענומען די קינדער און זיי אריינגעווארפען אין וואסער, פון דעסטוועגן דאך זאגט מען, געדענק נישט נאר די שלעכטס וואס זיי האבן געטון, נאר געדענק אויך וויפיל גוטס דו האסט געהאט פון זיי. **מען ווערט אסאך מאל נכשל דערין, מען קען זיין גוטע פריינט, משפחה, ברודערס, גוטע חברים צוזאמען, און יארן לאנג האט מען נהנה געווען איינער פונעם צווייטן. און עס מאכט זיך אמאל, אז מען האט עפעס געטון א זאך וואס מען פילט אז מען האט עס נישט געדארפט צו טון, ווערט א שנאה, און מען פארגעסט אלע גוטע זמנים וואס מען איז אדורכגעגאנגען פריער.** די תורה האט נישט אזוי געזאגט, נאר אפילו ווען מיר זענען ברוגז אויף די מצריים, פון דעסטוועגן דאך לא תתעב מצרי, געדענק כי גר היית בארצו, דו האסט געהאט ביי זיי א אכסניא בשעת הדחק.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ווען יודען זענען געווען אין א עת צרה פון די מצריים, איז נישט איינגעפאלען פאר א יוד, אז ער זאל גיין מלחמה האלטן מיט די מצריים, אז ער זאל גיין שיסן אויף די מצריים, ווייל ער האט נהנה געווען פון די מצריים די יארן וואס מען איז געווען דארט. און ווען זיי האבן געזען אז עס איז א עת צרה, האבן זיי מתפלל געווען צום אייבערשטען, זאל זיך דער אייבערשטער א עצה געבן ווי אזוי ער זאל אונז העלפן, אבער אונז גיי מיר נישט ארויסנעמען כלי זיין אקעגן די מצרים, ווייל יודען האבן געהאט אין זיך די מדה פון הכרת הטוב פאר די מצריים.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אויב אזוי, פארוואס זענען די יודען ארויסגעגאנגען מזויינים? זיי דארפן דאך נישט קיין כלי זיין, זיי גייען דאך ממילא נישט מלחמה האלטן. זאגט דער **חתם סופר**, ווען זיי וואלטן נישט ארויסגעגאנגען מזויינים, וואלט מען געזאגט, אז וועגן דעם האבן זיי נישט מלחמה געהאלטן מיט די מצריים, ווייל זיי האבן נישט געהאט מיט וואס, אבער ווען זיי וואלטן געהאט, וואלטן זיי זיך א עצה געגעבן מיט די מצריים. האט דער אייבערשטער געהייסען מען זאל ארויסגיין מזויינים, און מען האט געקענט מלחמה האלטן, און פון דעסטוועגן דאך האט מען געדענקט די הכרת הטוב וואס מען איז שולדיג פאר די מצריים, און מען האט נישט מלחמה געהאלטן מיט זיי, נאר דער אייבערשטער האט געפירט בדרך הטבע, אז זיי זאלן קענען אדורכגיין דעם ים.

*

**יודען** זענען געווען אזויפיל יארן אין גלות אינעם שיעבוד, און ווען מען איז ארויסגעקומען האט

מען מקבל געווען די תורה, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (שמות ג-יב), דאס איז געווען פארבינדן איינס מיטן אנדערן. זוכה צו זיין צו תורה קען מען נישט גרינגערהייט נאר מיט א יגיעה. ווען מען פלאגט זיך דערויף, מען צוברעכט זיך די גוף פאר תורה, דעמאלטס קען מען זוכה זיין צו שטייגען אין תורה. כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה וגו' וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד). שלשה דברים זענען נקנית ביסורים, און איינס דערפון איז תורה (ברכות ה.). די שיעבוד וואס איז געווען אין מצרים, דאס איז געווען די יסורים וואס יודען האבן געהאט ארייינצוקומען צו קבלת התורה. מען האט זיך צובראכן דעם גוף אין מצרים, זיך אויסצולערנען אז ווען מען קומט ארויס פון מצרים, און עס דארף זיין תעבדון את האלקים על ההר הזה, זאל מען וויסען אז א גוף וואס גייט נאך, נאך תענוגי עולם הזה, וועט נישט זוכה זיין צו תורה. דער אייבערשטער האט אונז געברענגט קודם קיין מצרים, כדי צו ווייזען אז מען דארף זיך צוברעכן דעם גוף, פאר מען קומט צו, צו תעבדון את האלקים על ההר הזה. די תכלית פון מצרים איז געווען, אז ווען מען וועט ארויסגיין, זאל מען קענען מקבל זיין די תורה.

**די** תורה איז צוזאמגעשטעלט פון חמשה חומשי תורה, וואס דאס איז תורה שבכתב. און תורה שבעל פה איז צוזאמגעשטעלט פון ששה סדרי משנה. 'ו'חמשים', די וא"ו סדרי משנה, מיט די חמשה חומשי תורה, דאס איז געווען די גאנצע תכלית פון מצרים. און מיט דעם איז 'עלו', מיט דעם זענען יודען נתעלה געווארן, אז מען זאל קענען מקבל זיין די תורה.

*

***יום שלישי פרשת בשלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **אליעזר דוד האפפמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נפתלי משה אינדיג** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי ישעי' קאהן שליט"א** רב דבית המדרש תולדות אהרן ב"פ (בן כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד וואלאווע שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי יעקב אלימלך פאנעט שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

*

***יום רביעי פרשת בשלח***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יודל קליין** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **כ"ק האדמו"ר מבאבוב שליט"א**, עב"ג בן **הרה"ג רבי אברהם אבא הורוויץ שליט"א** (ר"י באבוב לאנדאן), שהתקיים באולמי ברוקלין טערמינאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **כ"ק האדמו"ר מבאבוב שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת בשלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת כהנא ע"ה (אשת הר"ר רפאל

**כהנא הי"ו), ואצל משפחת מרת מאטיאש ע"ה** (אלמנת הר"ר **אליעזר בנימין מאטיאש** ע"ה).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יחיאל יוסף דאמב** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יואל אהרן דרעזדנער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

*

***ערב שבת קודש פרשת בשלח***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להרי הקעטסקילס לשהות ב'שבת התוועדות' ביחד עם בחורי ישיבתנו הק' במחנה סאטמאר ב"פ (קענאזע לעיק).

באמצע הדרך עצר **רבינו שליט"א** בקרית יואל להתפלל אצל הציון של **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**, להפקד בדבר ישועה ורחמים.

*

***שבת קודש פרשת בשלח***

לתפלת מנחה בערב שב"ק עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה. אחר תפלת מנחה אמרו מזמורי תהלים לרפואת נכד **רבינו שליט"א** הילד אברהם דוד כ"ץ נ"ו. אחר כך נשא דברים **הרה"ג רבי מענדל פרענקל שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק') בדברי פתיחה בגודל מעלת השבת מרוממת כזו, וראוי לכל אחד לנצל השעות הנעלים של יום השבת כראוי. – לתפלת קבלת שבת עבר לפני התיבה **הרה"ג רבי חיים שלמה טירנויער שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

בסיום התפלה אחר אמירת גוט שבת, נכנס **רבינו שליט"א** לערוך את שולחנו יחד עם תלמידי הישיבה, שעברה ברוב התרוממות הנפש, באמירת דברי תורה ובניגוני שיר ושבח ליום השבת. – בעת הסעודה נשמעו דברי תורה מאת הבחור בנש"ק **יחזקאל שרגא כ"ץ** נ"ו, וכמו כן השמיע דברים בנעימים **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** מנהל רוחני דישיבתנו הק'.

במשך הסעודה והבאטע השמיע **רבינו שליט"א** שיחות קודש בדברי מוסר וחסידות מפי ספרים וסופרים בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי מענדל פרענקל שליט"א**. אצל הבאטע חילק **רבינו שליט"א** פירות לכל בחורי הישיבה לכבוד חמשה עשר בשבט. - אחר הבאטע התאספו הבחורים כל כתה וכתה עם המגידי שיעור שלהם, והמשיכו בדברי תורה ובמזמור שיר לכבוד יום השבת.

ביום השבת עבר לפני התיבה לפסוקי דזמרה הבחור בנש"ק **חיים מאיר כ"ץ** נ"ו. ולתפלת שחרית ניגש **הרה"ג רבי אברהם צוויבל שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'). – בקריאת התורה נקנו העליות לצוות הישיבה בעד שעות רצופים שנלמדו ע"י חשובי תלמידי ישיבתנו הק'. תפלת מוסף התפלל לפני התיבה **הרה"ג רבי בערל לאקס שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

בסעודתא דעתיקא קדישא בצוותא חדא עם **רבינו שליט"א** דרש הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**. אחר כך נתכבד הבחור **נתן בנימין גרינצווייג נ"ו** (בן הרב נחמן גרינצווייג שליט"א) באמירת דברי תורה. בברכת המזון נתכבד הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**.

לעת נטו צללי ערב הסיבו תלמידי הישיבה לסעודת רעוא דרעוין שנערכה בהתעוררות רב בחשיכה כאורה, באמירת דברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדברי הדרכה ומוסר לתלמידיו הנאמנים לנצל את ימי השובבי"ם, שיהיה לו רק שאיפה אחת לעבוד את ה', ולוותר על רצונותיו הגשמיים, וללמוד שעות רצופות בלי הפסק. ולדבק עצמו עם חברותא טובה, שגורמת להתעלות האדם.

כשעה אחר הבדלה נכנס **רבינו שליט"א** לסעודתא דדוד מלכא משיחא. אחר שזימרו זמירות למוצאי שבת סיפר **רבינו שליט"א** סיפורי צדיקים **מהרה"ק בעל שם שלמה ממונקאטש זי"ע** (מתוך הספר **בית שלמה**). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** מנהל הישיבה. אחר כך עמדו כל הקהל בריקודים של שמחה בתופים ובמחולות.